וועטער:
אממייסטן קלאר און ווארים

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910.
Published
DAILY

דאס אידישע ווארט
THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 5.3.
זון אונטערגאנג — 8.4.

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט.
יעדן טאג

Vol. 20, No. 156. Winnipeg, Wed. Aug. 6, 1930. Published daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג מיטוואך יב׳ אב, תר״ץ.

אנטי-אידישע עקסצעסן אין רומעניע ווערן אפגעשטעלט

ליבעראלן געווינען איין פלאץ פון קאנסערוואטיוון אין קוועבעק

טאראנטא, אווג. 6. — די ליבעראלע פארטרעטערשאפט אין דעם נייעם פארלאמענט איז פארגרעסערט געווארן מיט איין דעפוטאט אויפ׳ן חשבון פון די קאנסערוואטיוון, נאכדעם ווי אן איבערציילונג אינ׳ם באצירק פון באנאווענטשור, קוועבעק, אז דער ליבעראלער קאנדידאט האט דארט געוואונען, און ניט דער קאנסערוואטיווער, ווי די ערשטע ציילונג האט געצייגט.

דער צוזאמענשטעל פונ׳ם נייעם פארלאמענט וועט איצט זיין:

קאנסערוואטיוון, 138; ליבעראלן, 87; יונייטעד פארמערס, 10; פראגרעסיוון, 2; ליבעראל-פראגרעסיוון, 3; ארבעטער, 3, און אומאפהענגיקע, 2.

(::)

פרעזידענט הואווער וועט זוכן הילף פאר געליטענע פארמערס

וואשינגטאן, אווג. 6. — פרעזידענט הואווער האט נעכטן אנאנסירט אז די פעדעראלע רעגירונג וועט אננעמען אלע מיטלען ארויסצוהעלפן דער באפעלקערונג פון די שטחים לאנד וואס זיינען געטראפן געווארן פון דער טריקעניש. דער אגריקולטור דעפארטמענט מאכט שוין אן אויספארשונג, און קומענדיקן מאנטאג וועט פארעפנטלאכט ווערן א באריכט וועגן דער לאגע אין די געגנטן וואו די טריקעניש האט אממייסטן געבראכט שאדען.

מר. וואלדמאן, סעקרעטאר פון אמעריקען דזשואיש קאמיטע, האט אויסגעפארשט די לאגע און ער באשולדיקט די רומענישע רעגירונג פאר די עקסצעסן. — ערשט איצט האט די רעגירונג אנגעהויבן נעמען שטרענגערע מיטלען קעגן די אנטיסעמיטן. — זאגט אז פרעסע באריכטן וועגן די עקסצעסן זיינען א האר ניט איבערגעטריבן געווארן.

לאגע פון אידישער באפעלקערונג אין בארשא איז שוידערלאך

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

זשענעווא, אווג. 6 (איטא). — די פרעסע באריכטן וועגן די רומענישע אנטי-אידישע עקסצעסן זיינען אויף א האר ניט איבערגעטריבן געווארן אדער פארדרייט געווארן, — האט דא אין אן אינטערוויו דערקלערט מר. וואלדמאן, סעקרעטאר פון אמעריקען דזשואיש קאמיטע, וועלכער האט אויסגעפארשט די לאגע.

די עקסצעסן, זאגט מר. וואלדמאן, זיינען אן צווייפל אויפגעהעצט און ארגאניזירט געווארן פון אנטיסעמיטישע אגיטאטארן. די לעצטע האבן געפונען א פרוכטבארן באדן פאר זייער גיפטיקער פראפאגאנדע צווישן די פויערים, וועלכע, כאטש זיי זיינען געוויינלאך פריינטלאך געשטימט צו זייערע אידישע שכנים, געפינען זיך אבער איצט אין זייער א שווערער עקאנאמישער לאגע, און זוכן אויף וועמען אויסצולאזן זייער ביטערן הארץ.

"איך בין איבערצייגט", — האט מר. וואלדמאן געזאגט, — "אז די דאזיקע עקסצעסן, וועלכע שעדיקן ערנסט דעם רומענישן פרעסטיזש און קרעדיט, וואלטן ניט פאסירט, ווען די רעגירונג וואלט ניט געשטיצט די סטודענטישע ארגאניזאציעס און די אזוי גערופענע "פאטריאטישע קאנגרעסן". די רעגירונג איז אויך שולדיק אין דעם וואס זי האט ניט אונטערדריקט די אומלעגאלע אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע, צוליב פאלשע אויסטייטשונגען פון רעכט אויף פרייער פרעסע און פרייע פארזאמלונגען.

דאס אינערן מיניסטעריום, וואס קאנטראלירט די פאליציי, און דאס מיניסטעריום פון רעליגיע און בילדונג, וועלכע קאנטראלירט די סטודענטן, לערער און גלחים, איז ספעציעל שולדיק אין די פאסירונגען. עס זעט אבער אויס, פון דער צווייטער זייט, אז דער קעניג פילט זיך שטארק דערשלאגן פון די לעצטע פאסירונגען.

"ארדענונג איז איצט איינגעשטעלט געווארן. די ענערגישע מיטלען וואס זיינען לעצטנס אנגענומען געווארן קעגן די אנטיסעמיטן באווייזן, אז די רעגירונג האט צום סוף באגריפן, אז די צאלרייכע אנטי-אידישע מאניפעסטאציעס אין משך פון לעצטן יאר, וועלכע זי האט באהויפטעט אז זי באטראכט זיי ווי ספאראדישע, קליינע און אומשולדיקע אויסברוכן פון געוויסע געפילן, פארוואנדלען זיך אין ווייט-פארשפרייטער אנארכיע".

בארשא איז אונטערגעצונדן געווארן פון אנטיסעמיטן

מר. וואלדמאן האט פארגעזעצט:

"בארשא איז א טראגישער באווייז פון די געפארן פון פראפאגאנדע פון האס צווישן דעם געוויינלאך פריינטלאך געשטימטן פויערטום, וועלכעס האט, אונטער דער ווירקונג פון דער פראפאגאנדע, טעראריזירט די גאנצע אידישע באפעלקערונג פון בוקאווינע, טראנסילוואניע און בעסאראביע, פאר חדשים.

"ניט געקוקט אויף דעם ערשטן באריכט פון בארשא איז געקומען פון אן אומגליקלאכן צופאל, זיינען אבער די באווייזן אזעלכע שטארקע, אז עס בלייבט ניט קיין שום צווייפל, אז די שריפה איז געווען א רעזולטאט פון א פארזיכטיק אויסגעארבעטן פלאן פון אונטערצינדער:

"כאטש פיר וואכן זיינען שוין פארביי פון דער שריפה, האבן די נשרפים פאקטיש ניט באקומען קיין שום הילף, אויסער 2,500 דאלאר וואס די רעגירונג האט גלייך נאך דער שריפה אסיגנירט, און עטלאכע הונדערט דאלאר פון דעם טראנסילוואניער אידישן דרינגלאכן קאמיטעט.

"די דאזיקע 'הילף' איז ווי א טראפן אין ים לגבי דער געוואלדיקער נויט. דער שאדן פון דער שריפה אליין באטרעפט 300 טויזנט דאלאר, און אויסער דעם איז דאס גאנצע עקאנאמישע לעבן פון דעם שטעטל פאראליזירט געווארן.

"קיין שום שריט זיינען ניט גענומען געווארן צו געבן א היים די היימלאזע, אדער איבערצובויען די אפגעברענטע קווארטאלן. הונדערטער שטארבן בוכשטעבלאך פון הונגער. די איינגשאפט איז א שוידערלאכע. א סך וואוינען אין די קעלערן פון די אפגעברענטע הייזער אונטער שוידערלאכע באדינגונגען, וועלכע עס איז אוממעגלאך צו באשרייבן. סיידן באלדיקע שריט וועלן אנגענומען ווערן, איז דא די געפאר פון מגפות וואס וועלן באריזן ניט בלויז בארשער אידישע און ניט-אידישע באפעלקערונג, נאר וועלן זיך אפשר אויך פארשפרייטן ווייט אויסער דער שטאט.

"די לאגע אין בארשא פאדערט באלדיקע ענערגישע האנדלונג מצד דער רעגירונג און דעם רויטן קרייץ".

באריכט אז סאוועט-רעגירונג שיקט גרויסע קוואנטיטעטן קוילן קיין קאנאדע און שיפן מיט תבואה קיין מערב אייראפע

"טיימס" קארעספאנדענט דערציילט וועגן וואקסנדיקן סאוועטישן עקספארט. — סאוועט רעגירונג קריגט באדייטנדיקע קרעדיטן פון פאשיסטישער איטאליענישער רעגירונג. — אמעריקע וועט, א סברא, פארלירן א גרויסן טייל פון איר האנדל מיט סאוועט רוסלאנד

לאנדאן, אווג. 6. — ווי דער קאנסטאנטינאפאלער קארעספאנדענט צו דער לאנדאנער "טיימס" מעלדעט, ווערט איצט אנגעפירט א פיבערהאפטע טעטיקייט אין די סאוועטישע פארטן פון שווארצן ים. יעדע וואך ווערן שיפן געלאדן און גרויסע טראנספארטן קוילן פאר קאנאדע און תבואה פאר מערב אייראפע ווערן ארויסגעשיקט.

יעדע וואך, באריכטעט דער קארעספאנדענט, ווערט 15 טויזנט טאן אנטראציט געלאדן אין אויסלענדישע שיפן און אפגעשיקט קיין קאנאדע. און ארום 30 שיפן פון פארשיידענע לענדער פירן יעדע וואך דורך די דארדאנעלן תבואה און אנדערע פראדוקטן קיין מערב אייראפע. רוסישע תבואה און קוילן ווערן פארקויפט אויף אויסערגעוויינלאך נידעריקע פרייזן, אזוי אז טערקיי, בולגאריע אדער רומעניע קאנען בשום אופן ניט קאנקורירען מיט זיי.

פעטראל איז איינע פון די זאכן, וואס סאוועט רוסלאנד שיקט ארויס אין גרויסע קוואנטיטעטן, אבער אויסער דעם האט זי ארויסגעשיקט פאר די לעצטע 9 חדשים דריי-פערטל מיליאן טאן גערשטן בלויז קיין ענגלאנד.

רוים, אווג. 6. — די סאוועט רעגירונג האט געשלאסן אן אפמאך מיט איטאליע, לויט וועלכן זי קויפט פאבריצירטע פראדוקטן אויף צען מיליאן דאלאר פון איטאליע אין משך פונ׳ם יאר פון יולי דעם 1טן, 1930, אן.

עס ווערט פארשטאנען, אז לויט דעם דאזיקן אפמאך וועט די איטאליענישע רעגירונג געבן דער סאוועט-רעגירונג גרויסע קרעדיטן, וואס זאלן דערמעגלאכן די לעצטע מאכן דארטן גרויסע איינקויפן פאר א פעריאד פון 25 יאר. אין משך פונ׳ם ערשטן יאר וועט די סאוועט-רעגירונג איינקויפן אין איטאליע פאר 2½ מיליאן דאל. שיפן, פאר 7 מיליאן דאל. פאבריצירטע סחורות און פאר א האלבן מיליאן דאל. כעמישע שטאפן, הויפטזעכלאך באמיסטיקונג.

איטאליע וועט, פון איר זייט, קויפן פון סאוועט רוסלאנד פארשיידענע רויע שטאפן, וועלכע זי אליין האט ניט, ווי קוילן, האלץ, מינעראלן און פעטראלעאום.

דער אפמאך, גלויבט מען, איז אין א געוויסער מאס אן ענטפער פון איטאליע אויף אמעריקע׳ס נייע טאריפן, און פון סאוועט רוסלאנד — אויף די רדיפות וואס איר "אמטארג" האט אויסגעשטיין אין אמעריקע. דער אפמאך וועט געבן סאוועט רוסלאנד צו קריגן די מאשינען וואס זי דארף, און איטאליע — אירע רויע שטאפן, אויסער די פאראייניקטע שטאטן.

(::)

נעגערשער קענדי סטארקיפער לאזט גרויסע ירושה פאר שולן

מעיס לענדינג, נ. דזש., אווג. 6. — פאר 25 יאר האט דזשאן אנדערהיל, א נעגער, פארקויפט קענדיס צו קינדער פון זיין קליינער סטארקע. פון די קינדערשע פענים האט ער אנגעקליבן א פארמעגן פון 100 טויזנט דאלאר.

איצט איז ער טויט. אין זיין צוואה האט ער אפגעזאגט זיין פארמעגן צוריק צו די קינדער. פאר׳ן געלט דארפן איינגעארדנט ווערן גימנאסטישע איינריכטונגען אין די שולן און דער שטאטישער פארק דארף אויסגעבעסערט ווערן.

סיטי קאנסיל באשליסט איינצוארדענען אליין אן "עקסיבישאן"

נאכדעם ווי דער וויניפעגער סיטי קאונסיל האט ניט געקאנט צוזאמען רעדן זיך מיט דער "עקסיבישאן אסאסיאיישאן" וועגן די באדינגונגען פאר דער איינארדענונג פון א יערלאכער אויסשטעלונג דא אין שטאט, האט דער סיטי קאונסיל, אויף זיין זיצונג לעצטן אוונט באשלאסן אליין דורכצופירן די דאזיקע אונטערנעמונג.

דער וויכטיקסטער שטרייט-פונקט צווישן דער "עקסיבישאן אסאסיאיישאן" און דעם סיטי קאונסיל איז געווען, וואס די ערשטע איז באשטאנען אויף דעם, אז זי מוז האבן א "רייס טרעק" פאר דער עקסיבישאן. אזוי ווי דאס סעלקירק עווע. פלאץ איז ניט גרויס גענוג פאר אן "עקסיבישאן" מיט א "רייס טרעק", האבן זיי פארלאנגט, אז די שטאט זאל צוקויפן א גרויסן שטח דערבייאיקן באדן, וואס די שטאט האט ניט געוואלט.

מעיאר וועב און אנדערע שטאט פארטרעטער האבן באהויפטעט, אז אן "עקסיבישאן" קאן זיין דערפאלגרייך אויך אן א "רייס טרעק". דער סיטי קאונסיל האט דאן באשלאסן דורכצופירן די אונטערנעמונג אליין, אנשטעלנדיק אן "עקסיבישאן" עקספערט, וואס זאל אגב אויך אונטערזוכן די פאסיקייט פונ׳ם סעלקירק עוו. פלאץ.

ווען אייניקע מיטגלידער פון קאונסיל האבן אויסגעדריקט די מורא, אז אזא עקספערט קאן אנטשיידן קעגן דעם סעלקירק עווע. פלאץ, האט מעיאר וועב זיי בארואיקט, פארזיכערנדיק זיי, אז דער ציל פון אנשטעלן אזא עקספערט איז בלויז צו קריגן די הסכמה פון א זייטיקער פערזאן צו דעם פלאץ.

געשיקטער באנדיט אנטלויפט מיט $8.000 דאל. פארכאפט אין א באנק

סט. אן דע בעלוויו, קוועבעק, אווג. 6. — פארשפארנדיק דעם מענעדזשער און זעקס אנגעשטעלטע אין וואולט, האט אן איינציקער באנדיט דא בארויבט די היגע אפטיילונג פון באנק אף מאנטרעאל אויף אכט טויזנט דאלאר און איז פארשוואונדן געווארן מיט׳ן רויב.

די רויבעריי איז זייער געשיקט אויסגעפלאנט געווארן. מיט א טאג פריער האט דער באנק מענעדזשער געקראגן א "לאנג דיסטאנס" טעלעפאן מעלדונג פון מאנטרעאל, אז אויף מארגן קומט א רעגירונגס אינספעקטאר אונטערזוכן די ביכער. דער באנדיט, פארשטעלנדיק זיך פאר דעם רעגירונגס אינספעקטאר, איז דערשינען נעכטן פאר דעם מענעדזשער נאך די באנק שטונדן, און האט אים געבעטן אפפירן אים אין באנק. יענער האט דערפילט זיין פארלאנג, אבער אין עטלאכע מינוט ארום נאכדעם ווי ער איז אריין אין באנק, האט דער "אינספעקטאר" ארויסגעכאפט א רעוואלווער און האט געהייסן דעם מענעדזשער און די אנגעשטעלטע וואס האבן זיך געפונען אין באנק, זיי זאלן אריין אין וואולט, וואס זיי האבן קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי צו פאלגן.

דער באנדיט האט דאן קאלטבלוטיק פארנומען וויפיל מזומן געלט ער האט געפונען אין באנק און איז פארשוואונדן געווארן. ווי פאליציי האט אויסגעפונען, האט ער זיך דערנאך צוריקגעקערט אין האטעל, וואו ער איז געווען פארשריבן, האט זיך איבערגעטאן, אויסגעשריבן און איז אוועק פון דארטן, גלייך ווי עס וואלט גארניט פאסירט.

(::)

ביטערע שלאכטן צווישן הינדוס און מוסולמאנער אין אינדיע

לאנדאן, אווג. 6. — לויט ידיעות פון קאראטשי, אינדיע, צום "דיילי העראלד", זיינען 12 מענשן געטויט געווארן און 150 פארוואונדעט געווארן אין א שלאכט צווישן הינדוס און מוסולמאנער, בעת די פאליציי האט געשאסן אינ׳ם המון אין א פרוּוו איינצושטעלן ארדענונג.

ראיאטן צווישן הינדוס און מוסולמאנער זיינען אויסגעבראכן נעכטן אויך אין סוקור, וואוהין צוויי קאמפאניס אינדישע סאלדאטן זיינען אפגעשיקט געווארן. 200 זיינען דארטן ארעסטירט געווארן. א קריטישע לאגע הערשט אויך אין היסאר, אין דרום פודזשאב, וואו בלוטיקע געשלעגן צווישן הינדוס און מוסולמאנער קומען פאר.

(::)

אייגנטימער פון הויז וואו ברייזעלאיז אנטדעקט געווארן, באצאלט $400

ס׳איז כדאי צו היטן זיך פון שלעכטע שכנים!

דערפאר וואס טונים דע גאסט, פון איסט סט. פאול, איז ניט קיין נייגעריקער לענדלארד, האט אים מאגיסטראט באנאטין, פון מאונטעד פאליציי געריכט, באשטראפט מיט פיר הונדערט גוטע קאנאדער דאלארן — פלוס הוצאות פון געריכט, און איצט וועט טונים דע גאסט זיין פארזיכטיק מיט שכנים, און ער וועט פריער מאכן אן אויספארשונג צי ווילן זיינע שכנים בלויז וואוינען אין זיין הויז, אדער זיי ווילן דארט מאכן א ברייזל.

די פאליציי האט אויף זיין "טשיקן פארם" אנטדעקט א שנאפס פאבריק און גאר א געהויבענע, וואס ווערט אפגעשאצט אין דריי טויזנט דאלאר.

ספעציעלע פארלאמענט סעסיע ווארשיינלאך סעפטעמבער 2טן

אטאווא, אנט., אווג. 6. — עס ווערט דא איצט אנגענומען, אז סעפטעמבער 2טן קאן זיין דער דאטום ווען די ספעציעלע סעסיע פונ׳ם פארלאמענט צו באטראכטן די ארבעטסלאזיקייט פראגע וועט פאררופן ווערן. ארענזשמענטס ווערן געמאכט אין איילעניש פאר דער סעסיע. מר. בענעט וועט די רעגירונג ווארשיינלאך איבערנעמען דעם דאנערשטאג, און ער וועט גלייך ארויסגעבן "ריטס" פאר "ביי-עלעקשאנס" פאר די מיניסטארן וואס ער וועט באשטימען פאר זיין קאבינעט.

אין פאליטישע קרייזן גלויבט מען, אז די ליבעראלן וועלן ניט ארויסשטעלן קיין קאנדידאטן קעגן די באשטימטע מיניסטארן.

(::)

4,000 אמעריקאנער לעגיאנערן "פאלן איבער" וויניפעג

פיר טויזנט מיטגלידער פון אמעריקאנער לעגיאן, וועלן אנקומען היינט אין וויניפעג אויף דער סי. ען. אר. באנסטאנציע, און זיי וועלן זיין די געסט פון דעם קאנאדער לעגיאן אין וויניפעג, וואו זיי וועלן פארברענגען צוויי טאג. דריי ספעציעלע באנען פירן די אורחים. די ערשטע באן קומט אן היינט 5.30 נ. מ., און די אנדערע צוויי באנען וועלן אנקומען מיט צוואנציק מינוט שפעטער.

נייער דין פון סאסקאטשעוואנער אגריקולטורעלן קאלעדזש

פראפעסאר א. מ. שאו, איינער פון די קאנאדער אנגעזעענסטע אגריקולטור עקספערטן, איז באשטימט געווארן אויפ׳ן ארט פון דעם פארשטארבענעם וו. דזש. ראדערפארד אלס דעקאן פונ׳ם אגריקולטורעלן קאלעדזש ביי סאסקאטשעוואנער אוניווערסיטעט, אין סאסקאטון.

(::)

סאניטאריום געבויט אין סט. וויטאל

די מוניציפאליטעט פון סט. וויטאל האט נעכטן ארויסגעגעבן א דערלויבעניש אויף 270 טויזנט דאלאר פאר׳ן געבוי פון דעם נייעם סאנאטאריום, וואס ווערט אויפגעשטעלט אויף דער צווייטער זייט טייך אנטקעגן דעם אגריקולטורעלן קאלעדזש.

קאנאדער נאציאנאלער חוב פארקלענערט אויף 50 מיליאן דאלאר

אטאווא, אווגוסט 6. — אין דעם יערלאכן פינאנציעלן באריכט, פארעפנטלאכט פון קאנאדער פינאנץ דעפארטמענט, ווערט אנגעוויזן, אז דעם 31טן מארט, 1929, איז דער קאנאדער נאציאנאלער חוב געווען: צוויי ביליאן, 225 מיליאן, 504 טויזנט, 705 דאלאר און 10 סענט. ביים סוף פון פינאנציעלן יאר, דעם 31טן מארט, 1930, איז קאנאדע שולדיק געווען צוויי ביליאן, 177 מיליאן, 763 טויזנט, 958 דאלאר און 71 סענט. דאס הייסט, אז קאנאדע האט אין פארלויף פון די לעצטע צוועלף חדשים פארקלענערט איר נאציאנאלן חוב אויף 47 מיליאן, 740 טויזנט, 746 דאלאר און 39 סענט.

מיט א יאר פריער, דאס הייסט פון דעם 31טן מארט 1928, ביז דעם 31טן מארט 1929, האט קאנאדע רעדוצירט איר נאציאנאלן חוב אויף 71 מיליאן, 345 טויזנט, 527 דאלאר און 82 סענט.

דער ס"ה ארדינארע אויסגאבן פאר דעם יאר זיינען געווען: 357 מיליאן, 779 טויזנט, 794 דאלאר און זיבן סענט, וואס איז געווען א פארגרעסערונג פון 350 מיליאן, 952 טויזנט און 924 דאלאר מיט א יאר פריער. די ארדינארע הכנסה איז געווען: 441 מיליאן, 411 טויזנט, 806 דאלאר און 18 סענט אין פארגלייך צו 445 מיליאן, 463 טויזנט, 873 דאלאר און 74 סענט, מיט א יאר פריער.

גערעטעניש אויסזיכטן אין פריירי פראווינצן נאך אין צווייפל

אטאווא, אווג. 6. — די גערעטעניש אויסזיכטן אין די פריירי פראווינצן זיינען נאך אין צווייפל, לויט דעם וועכנטלאכן באריכט פון דער סטאטיסטישער ביורא.

די טריקעניש ווירקט שלעכט אויף די פעלדער פון סאסקאטשעוואן און דרום אלבערטא, לויט׳ן באריכט, און מאניטאבא און טיילן פון דרום-מזרח סאסקאטשעוואן ליידן פון ראסט. פריע ווייץ ווערט אבער שוין געשניטן אין פארשיידענע טיילן פון דער וועסט, און די אויסזיכטן זיינען, אז דער שניט וועט זיין אלגעמיין אין א וואך אדער צען טעג.

טאראנטא, אווג. 6. — בעת די פעלדער אין צפון אנטעריא ליידן פון אן איבערפלוס פון פייכטקייט, ליידן די תבואות אין צענטראלער אנטעריא פון היץ און טריקעניש, לויט א באריכט פון אגריקולטורעלן דעפארטמענט פון אנטעריא.

בלויז אין מזרח אנטעריא זיינען די אויסזיכטן גוט פאר א גרויסן תבואה שניט.

(::)

דערמארדעט קינדער, פארוואונדעט פרוי און באגייט זעלבסטמארד

שיקאגא, אווג. 6. — פרענק יעלינעק, 54 יאר אלט, האט צעשמעטערט מיט א האמער די קעפ פון זיינע צוויי קינדער, און האט מיט דעם זעלבן האמער ערנסט פארוואונדעט זיין פרוי, וועלכע ליגט אין שפיטאל אין אן ערנסטן צושטאנד. דערנאך האט ער זיך אליין איבערגעשניטן דעם האלז מיט א ראזיר-מעסער, און איז געשטארבן.

יעלינעק, ווערט באהויפטעט, האט זיך לעצטנס שטארק געזארגט איבער זיינע פינאנציעלע פארלוסן.

עלעקטרישע באהאנדלונג איז א מיטל קעגן לונגען אנטצינדונג

וואשינגטאן, אווג. 6. — עלעקטרישע באהאנדלונג פאר לונגען אנטצינדונג (אין פאל וואו בלויז איין לונג איז אנטצונדן) איז כמעט א זיכערער הייל-מיטל צו רעטען הונדערטער לעבנס יערלאך, ווען דער דאזיקער הייל-מיטל וועט אנגענומען ווערן פון דזשענעראל האספיטאלס און פראקטיצירנדע דאקטוירים. די דאזיקע מעטאדע ווערט איצט פראקטיצירט אין היגן סט. עליזאבעטס שפיטאל.

די מעטאדע וואס ווערט באשריבן פון דר. וואטסאן, וו. עלדרידזש, פון דעם שפיטאל סטעף, איז דורכצולאזן דורך דעם קראנקנס ברוסט-קאסטן אן עלעקטרישן שטראם דורך א ספעציעלן פראצעס וואס האט א גוטע ווירקונג אויף די אינערלאכע ארגאנען. דער חולה פילט דערביי גארנישט ניט.

ווען פאלן פון איין לונג אנטצינדונג ווערן פארכאפט אין די ערשטע צוועלף שטונדן, קאן דער דאזיקער הייל-מיטל, לויט דער דערקלערונג פון דעם דאקטאר, אפשטעלן די קראנקהייט און דער חולה ווערט געזונט.

פאר בראנכיטן לונגען אנטצינדונג איז שוין דער דאזיקער הייל-מיטל ניט אזוי ווירקזאם, ווייל אין דעם פאל, קאן אמאל געדויערן פון צוויי ביז דריי טעג ביז דער חולה דערפילט אז ער נויטיקט זיך אין דער הילף פון א דאקטאר.

אגב - אורחא

פון מארק

א ווארט וועגן וואקאציע

דער וואקאציע סעזאן איז ביי אונז שוין אט באלד פארביי. נאך אייניקע קורצע וואכן, און דער קאלטער אטעם פונ׳ם צפון וועט אונז דערציילן וועגן דעם אנקום פונ׳ם סעזאן פון פוטערס, פון קוילן און פון טיי-טרינקעניש לשם מצוה.

דערווייל האט זיך אבער דער הייסער סעזאן אריינגעצוויגן אין אווגוסט אריין. כאטש ס׳איז שוין האלב אב, ברענט נאך די זון ווי אין מיטן תמוז. עס איז, ווי דער זומער וואלט געוואלט אפמאכן פאר פארלארענער צייט.

און אז אין דרויסן באקט א 90-גראדאווע זון, און אז דאס העמד קלעפט זיך צום לייב, ווילט זיך אפקילן כאטש מיט געדאנקען פון א פארשוואונדענער וואקאציע.

* * *

רוף איך עס אויפ׳ן אמעריקאנער לשון מיט׳ן נאמען "וואקאציע".

ביי שלום עליכמ׳ען האט עס געהייסן אויף פראסטן מאמע-לשון "צרות דאטשע".

און ביי משה נאדירן האט עס געקראגן א פאלקסטימלאך-אידיש-אמעריקאנישן נאמען, "פלעזשור, נעבאך".

אבער זיי זיינען ביידע הומאריסטן, און זיי האבן אויסגעזוכט די קאמישע זייט פון דער זאך.

און כידוע, איז ניטא קיין קאמיזם אין דעם, ווען א מענש זאל, למשל, אוועקפארן א פאר וואכן אויף א דאטשע און דארטן גוט פארברייינגען.

קאמיש ווערט עס ערשט דאן, ווען דער מענש זאל, גייענדיק זוכן פארגעניגן, אויסגליטשן זיך און אויסברעכן א פוס; אז ער זאל אויפגעפרעסן ווערן פון די מאסקיטעס לעבעדיקערהייט, אדער אז ער זאל גאר קראנק ווערן אויף לונגען אנטצינדונג און זאל זיך קוים רעטן מיט׳ן לעבן. מיט איין ווארט, אז מען וויל דעם עולם פארשאפן פארגעניגן, דארף מען פארשטעלן די באשרייבענע העלדן אין זייער א צרה׳דיקער לאגע.

* * *

בין איך אבער איצט ניט געגוונט צו פארשאפן אימעצן פארגעניגן, — איך בין בייז פון דער היץ, — און איך רייד דערפאר וועגן "וואקאציע".

און "וואקאציע" איז שוין ניט אוועקשיקן דאס ווייב אויף דער דאטשע און אליין בראטן זיך אין שטאט.

און "וואקאציע" מיינט שוין ניט דווקא פארן פארריכטן צעקאליעטשעטע לונגען מיט פרישער לופט, אויסאטעמען קראנקהייטן, ארויפציען אויף זיך אביסל לייב אויף די דארע ביינער, אדער, פארקערט, פארלירן אביסל שמאלץ וואס מאכט אייך קאליע אייער פיגור.

"וואקאציע" מיינט, אז א געזונטער מענש, ווי איר און ווי איך, ווארפט מיטאמאל אוועק אלע דאגות פרנסה, לייגט אוועק אלע זארגן צוקאפן, און לאזט זיך אוועק אויף א פאר וואכן זיך לאזן וואוילגיין, פוילן זיך, שלאפן, עסן, באדן זיך, — גלייך ווי מען וואלט געלעבט פון פענסיע אדער פון שניידן קופאנען...

* * *

און איך זאג אייך, אז דערינען איז ניטא קיין "צרות" און קיין "נעבאך", — און ס׳איז דערפון ניטא ליידער פון וואס צו לאכן...

אמת, עס פעלן אייך ניט קיין אומאנגענעמלאכקייטן אויף אייער דאטשע: סיידן איר זייט רייך ווי קורח און דער דאלאר איז ביי א אייך א ממזר, מוזט איר אויף אייער דאטשע שלאפן אויף הארטע בעטן מיט אויסגעדריטע מאטראצן, געמאכט פון א ספעציעלן סארט הארטע ציגל, און אויסגעארבעט מיט א טיפער גרוב אין סאמע מיטן בעט.

איר מוזט זיך צוגעוויינען צו די הארטע אומבאקוועמלאכקייטן וואס דער "שוים פון נאטור" שלאגט אייך פאר פאר א גוטן פרייז, און איר דארפט אויף א ווייל פארגעסן אויף דער ציכטיקייט פון דער מאדערנער היים אין דער היינטיקער ציוויליזירטער שטאט.

אבער דערפאר באלוינט אייך די דאטשע, — אויב זי געפינט זיך אינ׳ם ריכטיקן ארט, — מיט צוויי וואכן (אדער וויפל דאס זאל ניט זיין) פון פרישער לופט, פון באדן זיך, פון פרייהייט פון די לאסטן פון ציוויליזאציע (איבערהויפט פון קליידער), און בפרט — פון זארגלאזיקייט און פון "איך-האב-די-וועלט-אין-ארבל".

* * *

דער אייראפייער ארבעט זיך בכלל קיינמאל ניט איבער, און, אויסער רייכע לוידיקגייער, וואס זוכן גלאט אזוי פארגעניגנס, און אויסער קראנקע וואס נויטיקן זיך אינ׳ם ביסל אפרו און פרישע לופט, ווי אין לעבן, — וויסן דארט [illegible] ווייניק פון דאטשעס.

וואקאציע איז כמעט א ריין אמעריקאנישע דערפינדונג, — די יאגעניש טרייבט א גאנץ יאר די נשמה ארויס פון גוף, און דער דורכשניטלאכער אמעריקאנער נויטיקט זיך אין ביסל וואקאציע פאר א שטיקל אפרו פאר זיינע אנגעשטריינגטע נערוון.

די רייכע וואקאציאנערן זוכן זיך אויס עפעס אויסטערלישע ווינקלאך פאר זייערע וואקאציעס, וואו זיי זאלן זיך ניט דארפן מישן מיט׳ן פראסטן המון.

אבער "עמך" האט ליב קהל און טומל, אפילו אויף זיין וואקאציע, — באזונדערס דער אידישער "עמך".

און אזוי איז עס לעבעדיק אין וויניפעג ביטש, למשל, און באזונדערס ווארפן זיך דארטן אין די אויגן אונזערע אחינו בני ישראל.

אבער וועגן וויניפעג ביטש און וועגן גימלי וועלן מיר נאך ריידן ביי אן אנדער געלעגנהייט — און אפשר נאך דעם זומער, אויב די היצן וועלן לאנג אנהאלטן.

ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS
AUG 13 1930
PUBLIC LIBRARY